דברים תשפ"ד
גליון 202

# דעם רבינ'ס ליכט



**אַיְיעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין**
**וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## אִיבֶּערְמִישְׁן דָאס בְּלַאט...

מִיר הַאלְטְן שׁוֹין מַמָּשׁ בַּיים שְׁוֶועל פוּן דֶער טָאג תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוען גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל טְרוֹיעֶרְט אוּן מֶען בֶּענְקְט, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ שׁוֹין מְרַחֵם זַיין אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

וָואס אִיז דֶער בַּאדֵייט פוּנֶעם תַּעֲנִית וָואס מִיר גֵייעֶן פַּאסְטְן קוּמֶענְדִיגְן דִינְסְטָאג? אֲפִילוּ אַ אִינְגְל וָואס פַּאסְט נִישְׁט עֶסְט מֶען נִישְׁט קַיין פְלֵייש מֶשֶׁךְ דִי נֵיין טֶעג, אוּן מֶען טוּט נָאךְ אַנְדֶערֶע סִגּוּפִים, מֶען טְרִינְקְט נִישְׁט קַיין וֵויין, מֶען הֶערְט נִישְׁט קַיין מוּזִיק, דִי אַלֶע זַאכְן הָאט אַ צִיל, עֶס אִיז נִישְׁט סְתַּם. לָאמִיר זֶען וָואס ר' נָתָן שְׁרַייבְּט אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אוֹיף דֶעם (הלכות הרשאה ג').

ר' נָתָן שְׁרַייבְּט אַז דֶער עִיקָר תִּיקּוּן פוּנֶעם תַּעֲנִית אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מִשְׁפֶּטְ'ן, זִיךְ אִיבֶּער רֶעכֶענֶען אוֹיבּ עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. אַמָאלִיגֶע צַייטְן אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַ מִנְהָג אַז אַ טָאג וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּעֲנִית פְלֶעגְט מֶען זָאגְן פַארְן עוֹלָם אַז אַלֶע זָאלְן זִיךְ גוּט אִיבֶּערְקוּקְן אוּן זֶען צוּ מֶען פַארֶערְכְט וָואס מֶען הָאט צוּ פַארֶערְכְטְן וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּנֶעם תַּעֲנִית, דֶער חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ.

הַיינְט צוּ טָאג גֵייט דָאס אוֹיךְ אָן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מַאכְן יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ מִשְׁפֶּטְ'ן אוּן זֶען אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ וָואס צוּ פַארֶערְכְטְן, בִּפְרָט וֶוען עֶס קוּמְט אַ תַּעֲנִית דַארְף זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ רִיכְטִיג מִשְׁפֶּטְ'ן, אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אַ אִיד וָואס מִשְׁפָּט זִיךְ, עֶר קוּקְט נָאךְ זַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר טוּט, זַיין עֶסְן, זַיין בַּאנֶעמוּנְג מִיט חֲבֵרִים, כִּבּוּד אָב וָאֵם, זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע, בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ, בֵּין אָדָם לַמָּקוֹם, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִשְׁתַּדֵל צוּ פַארֶערְכְטְן פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער, אִיז עֶר זוֹכֶה דוּרְךְ דֶעם צוּ בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וַוייל חֲזַ"ל זָאגְן "כָּל הַמִּתְאַבֵּל עַל יְרוּשָׁלַיִם, זוֹכֶה וְרוֹאֶה בְּשִׂמְחָתָהּ", דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיף יְרוּשָׁלַיִם מֶען קוּקְט זִיךְ אִיבֶּער דִי מַעֲשִׂים, דֶער מֶענְטְשׁ זֶעט אַיין אַז עֶר אִיז שׁוּלְדִיג אִינֶעם חוּרְבָּן – וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (תורה ס"ז תנינא) אַז יֶעדֶער אִיד לְפִי זַיינֶע מַעֲשִׂים הָאט עֶר אַ חֵלֶק אִינֶעם חוּרְבָּן. לוֹיט דֶעם קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען מֶען מִשְׁפָּט זִיךְ אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ פַארֶערְכְטְן אַלֶע מַעֲשִׂים אוּן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף וָואס מֶען הָאט נִישְׁט רִיכְטִיג גֶעטוּן, הָאט עֶר אַ חֵלֶק אִינֶעם בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס וֶועט בְּקָרוֹב גֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן.

דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֶועט גֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן דוּרְךְ מִשְׁפָּט, אַז מִיר וֶועלְן אַרַיינְקוּקְן אִין אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים אוּן זֶען וָואס מִיר קֶענֶען פַארֶערְכְטְן, אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט אוֹיס סוֹף פוּן דִי הַפְטוֹרָה חֲזוֹן "צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה וְשָׁבֶיהָ בִּצְדָקָה (יְשַׁעְיָהוּ א, כז) צִיּוֹן וֶועט וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט

װען מיר װעלן זיך מִשְׁפְּטְ׳ן און געבן אַ חֶשְׁבּוֹן אויף די מַעֲשִׂים.

אַסאַך מָאל װיל זיך אַ מֶענְטְשׁ נֶעמֶען און די הֶענְט, עֶר מִשְׁפָּט זיך און עֶר נֶעמְט אויף זיך אַ גֶעװִויסֶע סְגוּף, צוּם בֵּיישְׁפִּיל עֶר גִיבְּט אַװֶועק אִין די טֶעג עֶפֶּעס אַ גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע עֶסְן װָאס עֶר הָאט לִיב פַּארְן בַּאשֶׁעפֶּער, אָדֶער עֶסְט עֶר יָא די גוּטֶע זַאךְ אָבֶּער עֶר מַאכְט די בְּרָכָה מִיט מֶער כַּוָונָה און בֶּענְטְשְׁט אִינֶעװֵיינִיג פוּן אַ סִדוּר גֶעשְׁמַאק.

זָאגְט ר׳ נָתָן אַז דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר מְבַטֵּל פוּן זִיךְ טוֹיזְנְטֶער און צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער קַטְרוּגִים און דִינִים פוּן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה, װַוייל אַז מִיר מַאכְן דָא אויף דֶער װֶועלְט הִתְבּוֹדְדוּת און מֶען מִשְׁפָּט זיך אויף די מַעֲשִׂים, מֶען בַּאנַייט זיך אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם פוּן דָאסְנַיי, זָאגְן חֲזַ״ל אויף דֶעם ״אִם יֵשׁ דִין לְמַטָּה אֵין דִין לְמַעְלָה״ אוֹיבּ מִיר מִשְׁפְּטְ׳ן זִיךְ אַלֵיין אויף דֶער װֶועלְט װֶוערְט אוֹיבְן אִין הִימְל בָּטֵל די מִשְׁפָּט אויף אוּנְז, דֶער מְקַטְרֵג קֶען נִישְׁט גָארְנִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין װַוייל עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ מִשְׁפָּט דָא אוּנְטְן דוּרְךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין.

די עֵצָה פוּן מִשְׁפָּט אִיז גָאר אַ װוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה, װַוייל לְפִי דֶעם אֱמֶת אִיז דֶער מֶענְטְשׁ נָאךְ זֵייעֶר װַוייט פוּן בַּאשֶׁעפֶּער און לְכָאוֹרָה קוּמְט אִים זֵייעֶר הַארְבֶּע שְׁטְרָאפְן װַוייל יֶעדֶע קְלֵיינֶע מַחֲשָׁבָה און דִבּוּר װָאס מֶען הָאט גֶעטוּן נִישְׁט װִוי מֶען דַארְף, עַל פִּי פְּשַׁט װֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן תְּשׁוּבָה אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ װֶועט אַ גַאנְצְן לֶעבְן טוּן אַלֶע סָארְטְן סִגוּפִים און תַּעֲנִיּוֹת קֶען מֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן אֲפִילוּ נָאר אויף אֵיין שְׁלֶעכְטֶע הִרְהוּר װָאס מֶען הָאט גֶעטְרַאכְט, אָבֶּער מִיט די עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אַז דֶער מֶענְטְשׁ טוּט זִיךְ אַלֵיין מִשְׁפְּטְ׳ן, עֶר װַוארְט נִישְׁט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים שִׁיקְן פוּן אוֹיבְן דִינִים און דֶערְמַאנוּנְגֶען עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, װֶועט עֶר דוּרְךְ די עֵצָה אַלֵיין מְבַטֵּל זַיין פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים.

הָרַב הֶחָסִיד ר׳ לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זי״ע הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט בַּיי אַ שִׁיעוּר, אַז יֶעדֶע נַאכְט קוּמְט אַרוֹיף די נְשָׁמָה פוּן יֶעדְן אִיד אוֹיבְן אִין הִימְל - אַזוֹי װִוי חֲזַ״ל זָאגְן אַז פַּארְן גֵיין שְׁלָאפְן דַארְף מֶען גִיבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן אויף די מַעֲשִׂים װָאס מֶען הָאט גֶעטוּן מֶשֶׁךְ דֶעם טָאג און דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אוּנְטֶערְשְׁרַייבְן אַז אַלֶעס אִיז רִיכְטִיג.

זָאגְט ר׳ לֵוִי יִצְחָק אַז נָאךְ הוּנְדֶערְט און צְוָואנְצִיג װֶוען דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף גֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן אויף אַלֶע זַיינֶע יָארְן, אִיז די טֶעג װָאס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת װֶועט מֶען אִיבֶּערְמִישְׁן דֶעם טָאג און נִישְׁט אַרַיינְקוּקְן דָארְט װַוייל דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶע׳מִשְׁפָּט אַלֵיין, עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן! דַארְף עֶר מֶער נִישְׁט גֶעבְן אַ מִשְׁפָּט אויף דֶעם טָאג!

אִין תּוֹרָה רנ״ט זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז װֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת און עֶר גִיסְט זִיךְ אוֹיס זַיין צַעַר פַּאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ און עֶר טוּט תְּשׁוּבָה אויף אַלֶע פְּגָמִים קוּמְט די שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה אַלֵיין כִּבְיָכוֹל פַּארְצֵיילְט אויך פַּאר דֶעם מֶענְטְשׁ אִיר צַעַר װָאס זִי הָאט, און זִי טְרֵייסְט דֶעם מֶענְטְשׁ און זָאגְט אִים װִיאַזוֹי צוּ פַּארְרֶעכְטְן אַלֶע פְּגָמִים.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז די טֶעג זָאלְן װֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה און מֶען זָאל קֶענֶען פַּארְרֶעכְטְן אַלֶע אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים און זוֹכֶה זַיין צוּ נֶחָמַת צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם נָאךְ הַיי יָאר אָמֵן וְאָמֵן.



# איין מעשה'לע

## מֶער תְּפִלּוֹת וֶוייניגֶער פְּעֻלּוֹת

אִיךְ וִויל דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן דֶער כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה

בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק אִיז אַרוֹיף אוֹיף מַיין הַאנְט קְרֶעץ [בְּרָאדִיוְוקֶעס-וָוארְצְלֶעך] עֶס הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף מַיין הַאנְט אַז מֶען הָאט שׁוֹין כִּמְעַט גֶעזֶען מַיין הוֹיט! גְעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז סְ'הָאט נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק וֶוויי גֶעטוּן וִוי דִי בּוּשׁוֹת הָאט וֶויי גֶעטוּן.

וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן פַאר אֵיינֶעם דִי הַאנְט וִוי לְמָשָׁל מַזָל-טוֹב, אָדֶער בַּיים טַאנְצְן הָאט מֶען גֶעזֶען וִוי עֶפֶּעס שְׁטֶעקְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין הַאנְט. מֶענְטְשְׁן נֶעבְּן מִיר הָאבְּן זִיךְ אַבִּיסְל גֶעעֶקְלְט דֶערְפוּן. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן פְּרוּבִּירְט זִיךְ אַלֶע סָארְטְן עֵצוֹת וָואס קֶען הֶעלְפְן פַאר דֶעם אָבֶּער מֶען הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן.

בִּיז אֵיין טָאג אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ דָאקְטֶער וָואס הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען עֶס אֶפְשָׁר אָפְּבְּרֶענֶען. אִיךְ הָאבּ בִּיז דַאן לַיידֶער פַארְגֶעסְן דִי פָּשׁוּטֶ'ע טְרוּקֶענֶע עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, נִישְׁט אַז אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ פַארְגֶעסְן נָאר עֶס אִיז אַרֵיין אַזַא יֵאוּשׁ גֶעדַאנְק אַז וָואס קֶען שׁוֹין הֶעלְפְן אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים פַאר אַזַא שְׁוֶוערֶע פְּרָאבְּלֶעם?

לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען מִיר גֶעגֶעבְּן אַ שַׁארְפֶע סָארְט זַאלְבּ וָואס וֶוען מֶען שְׁמִירְט עֶס וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט דִי קְרֶעץ, אָבֶּער וִוייבַּאלְד עֶס אִיז אַזוֹי שַׁארְף דַארְף מֶען לֵיינֶען דִי פָּארְשְׁרִיפְטְן וָואס שְׁטֵייט אוֹיף דִי פִּישְׁקֶע, וְוִיאַזוֹי זִיךְ צוּ בַּאנוּצְן דֶערְמִיט.

דִי פִּישְׁקֶע הָאט זִיךְ מִיר פַארְלוֹירְן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פוֹיל צוּ גֵיין קוֹיפְן אַ נַייעֶ זַאלְבּ. נָאכְן פַארְלִירְן דָאס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם רֶמֶז מִן הַשָּׁמַיִם אַז אִיךְ זָאל פַארְלֵייגְן תְּפִלּוֹת אַנְשְׁטָאט פְּעֻלּוֹת. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ תְּפִלָּה, בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל מִיר אוֹיסְהֵיילְן מִיט זַיינֶע רֵיינֶע רְפוּאוֹת. אִיךְ הָאבּ מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט תְּפִלָּה מִיט אַן אֱמוּנָה אַז עֶס וֶועט אַרָאפְּגֵיין, עֶס וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגְן אַמָאל.

אִיךְ הָאבּ טַאקֶע זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין ל"ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן וואוּ אִיךְ הָאבּ וַוייטֶער מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, הֶערְנְדִיג אִיבֶּער דֶער גֶעוַואלְדִיגֶער כֹּחַ פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן וָואס הָאט מְחַיֶּה מֵתִים גֶעוֶוען, אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין שָׁבוּעוֹת אִין מִירוֹן אוּן וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אַז אִין זְכוּת פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק זָאל אִיךְ הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה.

אַ וָואךְ נָאךְ שָׁבוּעוֹת הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרָאפְּפַאלְן אֵיינְס נָאכְן צְווייטְן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן פַארְשִׁימְלְט אוּן פַארְפוֹילְט, וֶוען אִיךְ בִּין וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ דַאוְוענֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער עֶס זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן קַיין זֵכֶר דֶערְפוּן, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז דֶער כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה אוּן דֶער כֹּחַ פוּן דֶעם צַדִּיק הֶעלְפְּט.

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אָנְהֵייבּ חֹדֶשׁ אָב, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְרִיעֶר גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה דָא אִין

רַבִּי'נס לִיכְט, אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעוַוארְט אַז מַיין האַנְט זָאל זִיךְ גֶענְצְלִיךְ אוֹיסְהֵיילְן, אִיךְ קֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט אַרִיבֶּערְפִירְן מַיין צְוֵוייטֶע האַנְט אוֹיף דִי הַאנְט עֶס פָּארְט גְלַאטִיג אוּן קַיין אָפְּשְׁטֶעל, אַזַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן פַאר צְוֵויי חֳדָשִׁים צוּרִיק, מַיין הַאנְט אִיז רֵיין צוּרִיק וְוִי אַמָאל.

אִיךְ ווִיל דֶערְמַאנֶען נָאךְ אֵיין זַאךְ. עֶס מַאכְט זִיךְ אַסַאךְ מָאל וֶוען מֶען בֶּעט פוּן בַּאשֶׁעפֶער אַ בַּקָּשָׁה אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ דִי תּוֹצָאוֹת, אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַפָּאר חֳדָשִׁים אוֹיף דֶעם, אוּן גֶעוַוארְט יֶעדְן טָאג עֶס זָאל זִיךְ שׁוֹין עֶפֶּעס רִירְן, מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעשְׁטוּפְּט צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין אוּן דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן אָבֶער צוּם סוֹף הָאט דָאס גֶעהָאלְפְן, דִי תְּפִלָּה גֵייעֶן נִישְׁט לְאִבּוּד.

נַחְמָן ב.

תַּלְמוּד תּוֹרָה בְּרֶסְלֶב בֵּית שֶׁמֶשׁ

## אַ צֶענְטֶער צוּם מִנְיָן, אַ צֶענְטֶער!!

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל וֶוען רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאט גֶעוַוארְט אוֹיף אַ מִנְיָן, עֶס הָאט גֶעפֶּעלְט אַ צֶענְטֶער צוּם מִנְיָן, אוּן אַ לֵוִי צוּ עוֹלָה זַיין לְתוֹרָה.

אִינְדְרוֹיסְן אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער - אַ לֵוִי, דֶער לֵוִי הָאט לַיידֶער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער הָאט דֶער לֵוִי גֶעזָאגְט פַאר דֶעם בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד וָואס הָאט אִים אַרַיינְגֶערוּפְן צוּ מִנְיָן: "גֵיי זָאג פַאר רֶבִּי נַפְתָּלִי'ן אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט מִיר צוּזָאגְן אַ קִינְד וֶועל אִיךְ אַרַיינְקוּמֶען דַאוֶוענֶען אוּן אִיךְ וֶועל זַיין אַ צֶענְטֶער"! הָאט אִים ר' נַפְתָּלִי צוּגֶעזָאגְט אַ קִינְד! עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, עֶר הָאט דָאךְ גֶעמוּזְט הָאבְּן אַ מִנְיָן, הָאט עֶר אִים צוּגֶעזָאגְט אַ קִינְד, שׁוֹין.

ס'אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיקְל צַייט, אוּן דֶער אִיד הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְד, הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ רֶבִּי חַיִּים סְטָאלֶער: "רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאט מִיר דָאךְ צוּגֶעזָאגְט אַ קִינְד, פַארְוָואס וֶוערְט עֶס נִישְׁט מְקֻיָּם"?

הָאט ר' חַיִּים זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּ רֶבִּי נַפְתָּלִי אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דֶעם פַארְלַאנְג פוּן דֶעם אִיד, אַז עֶר וַוארְט אוֹיפְן צוּזָאג.

עֶנְטְפֶערְט רֶבִּי נַפְתָּלִי אַזוֹי: "מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל פוּנֶעם רֶבִּי'ן - אַז מִיר זָאלְן הַאלְטְן פַארְמַאכְט דָאס מוֹיל, מִיר זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן! נָאר אַז מִיר זָאגְן - וֶוערְט מְקֻיָּם"!

דָאס מֵיינְט אַזוֹי אַז מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל פוּנֶעם רֶבִּי'ן - מִיר זָאלְן נִישְׁט וַוארְפְן זִיךְ מִיט בְּרָכוֹת - דָאס מוֹיל דַארְף מֶען הַאלְטְן פַארְמַאכְט! אָבֶער אוֹיבּ מִיר זָאגְן שׁוֹין יָא צוּ פַאר אֵיינֶעם? וֶוערְט דָאס מְקֻיָּם"! דֶער עִיקָּר אִיז אַז דֶער אִיד הָאט גֶעהַאט קִינְדֶער!





# לעובדא ולמעשה

אַמָאל אִיז אַרַייְנְגֶעקוּמֶען אַן אֵיינִיקְל צוּ הָרַב הֶחָסִיד ר' שְׁמוּאֵל מֵאִיר אַנְשִׁין זַ"ל אִין שְׁטוּבּ מִיט אַ פִּיטָא-פַּאלַאפְל. דֶער אֵיינִיקְל הָאט זִיךְ גֶעוַואשְׁן דִי הֶענְט אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט צוּם טִישׁ עֶסְן גְרֵייט אַרַייְנְצוּבַּייסְן דִי וֶועג וִויאַזוֹי ס'אִיז לַייְדֶער אָנְגֶענוּמֶען אִין דֶער וֶועלְט... הָאט אִים דֶער זֵיידֶע ר' שְׁמוּאֵל מֵאִיר גֶעפְּרֶעגְט אַבִּיסְל מִיט אַ קְפִידָה: "אַזוֹי עֶסְט אַ אִיד?" אוּן הָאט זִיךְ בַּאלְד אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן אִים צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַ טֶעלֶער צוּם טִישׁ, אוֹיסְגֶעגָאסְן דִי גַאנְצֶע פָּארְצִיעֶ אִין טֶעלֶער אוּן גֶעזָאגְט: "אַזוֹי עֶסְט אַ אִיד!"

(משפחת אנשין)



פוּן וֶועגן הָרַב הֶחָסִיד ר' מָרְדְכַי יַאגֶעלְנִיק זַ"ל הָאט זוֹכֶה גֶעוָוארְן צוּ נִתְקָרֵב וֶוערְן צוּ רֶבִּי'ן הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעהִיטְן פוּן פִּרְסוּם. עֶר הָאט זִיךְ מִשְׁתַּדֵל גֶעוֶוען צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן בַּאשֵׁיידְן. בַּאהַאלְטֶענֶערְהַייט הָאט עֶר גֶעטוּן וָואס מֶען דַארְף צְוִוישְׁן אִים אוּן בַּאשֶׁעפֶער. צְוֵויי טֶעג פַאר זַיין פְּטִירָה לְעוֹלָם שֶׁכֻּלוֹ טוֹב, הָאט עֶר זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף גֶעוֶוען בַּיי אַ חֲתוּנָה פוּן אַן אֵיינִיקְל. בַּיי דִי חֻפָּה הָאט מֶען אוֹיסְגֶערוּפְן וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער, "הָרַב הֶחָסִיד ר' מָרְדְכַי יַאגֶעלְנִיק אִיז מְכֻבָּד מִיט בְּרָכָה אַחֲרִיתָא". וֶוען ר' מָאטְל הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן דֶערְצִיטֶערְט בִּיזְן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְצְן! עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט צוּ אֵיינֶעם וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְן אִים, "אוֹי וִוי אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ מְפוּרְסָם..."

(אש תמיד תוקד)

# אוֹר הַצַּדִּיק

# נָאר מִיט חֲבֵרִים

אִין שִׁבְחֵי הָאֲרִ״י וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט - אַז דֶער אֲרִ״י זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעמַאכְט פַּאר צֶען פוּן דִי חַבְרַיָא עֶפֶּעס אַ בַּאזוּנְדֶערֶער הוֹיז, אוּן דִי פְרוֹיעֶן זֶענֶען גֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע וָואךְ בַּאזוּנְדֶער אוּן דִי קִינְדֶער אוּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁטוּבּ. דִי מֶענֶער זֶענֶען גֶעוֶוען צוּזַאמֶען מִיטְן אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ אַ גַאנְצֶע וָואךְ אוּן פְרַייטָאג צוּ נַאכְט'ס זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען אַהֵיים. וֶוען עֶס אִיז אַרִיבֶּער פִינְף חֳדָשִׁים הָאבְּן זִיךְ דִי וַוייבֶּער גֶעקְרִיגְט אֵיינֶע מִיט דִי אַנְדֶערֶע, זֶענֶען דִי מֶענֶער גֶעקוּמֶען אַהֵיים פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס הָאבְּן דִי וַוייבֶּערְדֶערְצֵיילְט דִי מֶענֶער, הָאט זִיךְ דִי מַחְלוֹקֶה אוֹיךְ צֶעשְׁפְּרֵייט צְווִישְׁן דִי מֶענֶער.

אוּן וִוי בַּאקַאנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ״י זַ״ל שְׁטֶענְדִיג גֶעוָוארְנְט דִי חֲבֵרִים אַז מֶען זָאל זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען בְּרוּדֶערְלִיךְ מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם, אוּן וִויבַּאלְד יֶענֶעם טָאג הָאט מֶען אוֹיף דֶעם עוֹבֵר גֶעוֶוען הָאט ר' חַיִּים וִויטַאל גֶעזֶען פַּאר קַבָּלַת שַׁבָּת וִוי דֶער אֲרִ״י קוּמְט אַרַיין אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט אוּן דוּרְכְאוֹיס דֶעם דַאוֶונֶען אִיז עֶר גֶעזֶעצְן אַייְנְגֶעהִילְט אִין טְרוֹיעֶר, אַזַאנְס וָואס ר' חַיִּים וִויטַאל הָאט קֵיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט גֶעזֶען.

וֶוען דֶער עוֹלָם הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶונֶען אִיז ר' חַיִּים וִויטַאל צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: ״רֶבִּי, פַארְוָואס זֶענְט אִיר גֶעוֶוען אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג בַּיים דַאוֶונֶען?״ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ״י זַ״ל גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע בַּיים דַאוֶונֶען אוּן דֶער ס״מ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַ פָּסוּק וָואס אִיז מְרַמֵּז אַז דֶער אֲרִ״י וֶועט לַיידֶער נִפְטָר וֶוערְן, דֶער גְזַר-דִין אִיז שׁוֹין אָפְּגֶעזִיגְלְט, אוּן דָאס אִיז גֶעקוּמֶען נָאר וֶועגְן דִי קְרִיגֶערַיי וָואס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן צְווִישְׁן דִי חֲבֵרִים, וַוייל וִוילַאנְג עֶס אִיז גֶעוֶוען צְווִישְׁן זֵיי שָׁלוֹם הָאט דֶער מְקַטְרֵג נִישְׁט גֶעהַאט קַיין צוּטְרִיט צוּ זֵיי!

אוּן לַיידֶער הָאט דָאס מְקָרֵב גֶעוֶוען דֶעם אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ'ס הִסְתַּלְּקוּת.

וֶוער זֶענֶען גֶעוֶוען דִי חַבְרַיָא פוּן דֶעם אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ? גֶעוַואלְדִיגֶע, שְׂרָפִים וְאוֹפַנִּים מַמָּשׁ, דִי חַבְרַיָא פוּן דֶעם אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ!

בַּיי שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ זֶעט מֶען אוֹיךְ אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען רֵיין פוּן זִינְד וִוי אַ קִינְד פוּן אֵיין יָאר אַלְט, וֶוער שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעוֶוען? מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה. אָבֶּער אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פִירְן אַ קְרִיג מִיט דָוִד הַמֶּלֶךְ, הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעבִּיטְן!

עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מֶלֶךְ צְוֵויי-מִיט-אַ-הַאלְבְּן יָאר, אַוֶועק, אוֹיס! אַ גֶעוַואלְד, מַחֲלוֹקֶת נִישְׁט!

דֶער אוֹר הַצַּדִּיק אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס קֶען זִיךְ נִישְׁט בְּשׁוּם אוֹפֶן הַאלְטְן בַּיי אֵיין מֶענְטְשְׁן – וִוי גְרוֹיס דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נָאר זַיין - סַיידְן מִיט נָאךְ מֶענְטְשְׁן קֶען אִיךְ הַאלְטְן דֶעם אוֹר הַצַּדִּיק, אָבֶּער מִיט מַחֲלוֹקֶת קֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן דֶער אוֹר הַצַּדִּיק. (באארבעט פון א שמועס פון ר' לוי יצחק בענדער ז״ל, צוגעלייגט פון שבחי האר״י)



דֶערְוַוייל אִיז גֶעוָוארְן אִין 'שְׁטָאט' אַ 'רַעַשׁ':

"בַּאֲשֶׁר אַז סְ'גֶעפִינְט זִיךְ 'אֵיינֶער', וָואס עֶר רֶעדְט אַזוֹינְס, וָואס עֶר מַאכְט אַ 'גֶעלֶעכְטֶער' פוּן זַייעֶר 'אֱמוּנָה' – אוּן עֶר זָאגְט: "אַז סְ'אִיז נָאר אַ 'יָחִיד' פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען], דְהַיְינוּ: 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ בָּרוּךְ־הוּא' וְכוּ'"! – אוּן מִכֹּחַ [אוֹיף דֶעם זַאךְ פוּן] דֶעם 'גִּבּוֹר', זָאגְט עֶר אַלְץ: "אוֹיבּ סֶע [סְ'אִיז] נִישְׁט דֶער 'גִּבּוֹר' וְכוּ', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]"?!

הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז דָאס מוּז בְּוַודַאי זַיין דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה'! וָוארְן דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי מְפוּרְסָם גֶעוֶוען, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]"!

הָאט מֶען גֶעהֵייסְן: "אַז מֶען זָאל אִים זוּכְן, אוּן מֶען זָאל אִים כַאפְּן"!

כָאטְשֶׁע עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַלֶעמָאל אַנְדֶערְשׁ פַארְשְׁטֶעלְן [בַּיי זֵיי] – (דְהַיְינוּ: אַמָאל הָאט עֶר זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אַ 'סוֹחֵר', אוּן אַמָאל פַאר אַ 'אָרִימַאן' וְכוּ' – וָואס מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם הָאט מֶען אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט כַאפְּן, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

נָאר זֵיי הָאבְּן דֶערְפוּן אוֹיךְ גֶעוואוּסְט: "אַז דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה', פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ אַלֶעמָאל אַנְדֶערְשׁ [בַּיי זֵיי]"! הָאבְּן זֵיי גֶעהֵייסְן: "נָאכְקְלֶערְן [נָאכְפָארְשְׁן] נָאךְ אִים, אוּן מֶען זָאל אִים כַאפְּן"!

הָאט מֶען אִים נָאכְגֶעזוּכְט! בִּיז זֵיי הָאבְּן אִים גֶעכַאפְּט (דְהַיְינוּ: דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָּה')! אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעבְּרַאכְט צוּ זֵייעֶרֶע 'עֶלְטְסְטֶע' [צוּ דִי 'שָׂרִים']! אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִים צוּ שְׁמוּעֶסְן! הָאט עֶר זֵיי אוֹיךְ אַזוֹי גֶעזָאגְט כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]:

"אִיר זֶענְט אַלֶע אִין 'טָעוּת', אוּן אִין 'גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקַייט'! – אוּן דָאס אִיז גָאר קַיין 'תַּכְלִית' נִישְׁט, דְהַיְינוּ: דָאס 'גֶעלְט' אִיז גָאר קַיין 'תַּכְלִית' נִישְׁט! – נָאר סְ'אִיז אַ 'יָחִיד בָּרוּךְ־הוּא' פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען], דְהַיְינוּ: דֶער 'בּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ־שְׁמוֹ' וָואס עֶר הָאט אַלֶע בַּאשַׁאפְן – נָאר אִים בַּאדַארְף מֶען דִינֶען! – אוּן 'גֶעלְט' אִיז גָאר אַ 'נַארִישְׁקַייט' וְכוּ'!

אוּן דִי [מֶענְטְשְׁן פוּן יֶענֶע] 'מְדִינָה' וָואס אִיר זָאגְט, אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע 'גָאטְן' – זֵיי וֶועלְן אַייךְ גָארְנִישְׁט קֶענֶען הֶעלְפְן וְכוּ'"! – וָוארְן זֵיי זֶענֶען 'נָאר מֶענְטְשְׁן', אוּן אִיר זֶענְט 'נָאר מֶענְטְשְׁן' וְכוּ'! (אַזוֹי הָאט זֵיי דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' גֶעזָאגְט).

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעהַאלְטְן פַאר 'מְשׁוּגָע'!

וָוארְן דִי 'גַאנְצֶע מְדִינָה' – זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי גֶעלִיגְן [פַארְזִינְקֶען] אִין דֶעם 'גֶעלְט', אוּן זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי דֶערִינֶען 'פַארְנַארִישְׁט' גֶעוָוארְן – בִּיז דֶער וָואס עֶר הָאט אַקֶעגְן זֵייעֶרֶע [מֵיינוּנְגֶען אוּן] 'נַארִישְׁקַייט' עֶפֶּעס גֶערֶעדְט – אִיז דֶערְבַּיי [בַּיי] זֵיי גֶעוֶוען [פַארְרֶעכְנְט פַאר] 'מְשׁוּגָע'!

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט:

"וָואס אִיז דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט אוֹיף דֶעם 'גִּבּוֹר': אוֹיבּ סֶע [סְ'אִיז] נִישְׁט דֶער 'גִּבּוֹר', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]"?!

הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט:

"בַּאֲשֶׁר [אַז] אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי אַ 'מֶלֶךְ' – אִיז בַּיי דֶעם 'מֶלֶךְ' פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן אַ 'גִּבּוֹר'! – אוּן אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער 'גִּבּוֹר', קֶען אִיךְ מִיךְ מִיט אִים!

אוּן וַוייטֶער! דָאס וָואס אִיר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף 'דֶער מְדִינָה', וָואס אִיר זָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע 'גָאטְן' – דָאס אִיז אַ 'נַארִישְׁקַייט'! – וָוארְן זֵיי וֶועלְן אַייךְ גָארְנִישְׁט קֶענֶען הֶעלְפְן! – אַדְרַבָּא, דָאס וֶועט נָאךְ זַיין אֵייעֶר 'מַפָּלָה', אַז אִיר וֶועט זִיךְ אוֹיף זֵיי פַארְלָאזְן"!

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: "פוּן וַואנֶען וַוייסְטוּ דָאס" ?! (אַז

די 'מְדִינָה' קֶען זֵיי נִישְׁט הֶעלְפְן, און [אַז] זֵיי וֶועלְן נָאךְ אַ 'מַפָּלָה' הָאבְּן דוּרְכְדֶעם)!

הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: בַּאֲשֶׁר [ווייל] בַּיי דֶעם 'מֶלֶךְ' וָואס עֶר אִיז בַּיי אִים גֶעוֶוען – הָאט עֶר גֶעהַאט אַ 'יַד'!

דְהַיְינוּ: דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעהַאט אַ זַאךְ, אַזוֹי־וִוי אַ 'הַאנְט' מִיט 'פִינֶעף פִינְגֶער'! און מִיט אַלֶע 'שִׁירְטוּטִין' (דְהַיְינוּ: אַלֶע 'קְנֵייטְשְׁן' און אַלֶע 'קְרִיצְן') וָואס אוֹיף אַ 'הַאנְט' אִיז פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען]!

און דִי [דָאזִיגֶע] 'יַד', אִיז גֶעוֶוען דֶער 'לַאנְד־קַארְד' [מַאפֶּע] פוּן אַלֶע וֶועלְטְן! און גָאר וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען זִינְט 'הִימְל' און 'עֶרְד' אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, בִּיז אִין [דֶער] סוֹף – און וָואס סְ'וֶועט זַיין דֶערְנָאךְ – אִיז אַלְץ אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן] גֶעוֶוען אוֹיף דֶער [דָאזִיגֶער] 'יַד'!

וָוארְן סְ'גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן] אִין דִי 'קְרִיצְן' און 'קְנֵייטְשְׁן' פוּן דֶער 'יַד': דָאס גֶעמֶעל [מָאלֶערַיי] פוּן 'אַלֶע וֶועלְטְן' – וִויאַזוֹי אִיטְלֶעכֶע וֶועלְט שְׁטֵייט, מִיט אַלֶע זַאכְן פוּן אִיטְלֶעכֶער וֶועלְט בִּפְרָטִיוּת! – אַלְץ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט [אַרוֹיסְגֶעשְׁרִיבְּן] אוֹיף דֶער 'יַד'!

אַזוֹי־וִוי אוֹיף אַ 'לַאנְד־קַארְד' [מַאפֶּע] אִיז אוֹיסְגֶעמָאלְט (אַזוֹי־וִוי סְ'וֵוייסְן דִי וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעניט [בַּאקַאנְט] אִין דֶעם 'לַאנְד־קַארְד' [מַאפֶּע] – דְהַיְינוּ: סְ'אִיז אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן] אוֹיף אַ 'פַּאפִּיר', אִיטְלֶעכֶע 'שְׁטָאט', און אִיטְלֶעכֶע 'מְדִינָה', און אִיטְלֶעכְס 'בְּרִיקְל', און אַזוֹי אַנְדֶערֶע זַאכְן, 'טַייכְלֶעךְ' און 'וֶועלְדֶער' וְכוּ' – און בַּיי אִיטְלֶעכֶע זַאךְ, שְׁטֵייט אַלְץ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן: "אַז דָאס אִיז דִי 'שְׁטָאט', און דָאס אִיז דִי 'מְדִינָה' וְכוּ'"), אַזוֹי [אוֹיךְ] אִיז אוֹיף דֶער 'יַד', גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן] אַלֶע וֶועלְטְן, דוּרְךְ דִי 'קְרִיצְן' און 'קְנֵייטְשְׁן' פוּן דֶער 'יַד'! און אִין דִי 'קְרִיצְן' פוּן דֶער 'יַד', אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי־וִוי 'אוֹתִיּוֹת'!

אַזוֹי־וִוי אוֹיף אַ 'לַאנְד־קַארְד' שְׁטֵייעֶן אָנְגֶעשְׁרִיבְּן 'אוֹתִיּוֹת' בַּיי אִיטְלֶעכֶער 'זַאךְ', כְּדֵי מֶען זָאל וִויסְן וָואס דָאס אִיז, דְהַיְינוּ: מֶען זָאל וִויסְן אַז דָא אִיז 'דִי שְׁטָאט', און דָא אִיז 'דָאס טַייכְל', און אַזוֹי דֶעסְגְלַייכְן אַנְדֶערֶע זַאכְן! – אַזוֹי אִיז פּוּנְקְט [דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ מַמָּשׁ] גֶעוֶוען אָנְגֶעצֵייכְנְט דוּרְךְ דִי 'קְרִיצְן' פוּן דֶער 'הַאנְט', אַזוֹי־וִוי 'אוֹתִיּוֹת'! – וָואס דִי 'אוֹתִיּוֹת' זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען [אָנְגֶעצֵייכְנְט] בַּיי אִיטְלֶעכֶער זַאךְ וָואס סְ'גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן] אוֹיף דֶער 'יַד' – כְּדֵי מֶען זָאל וִויסְן וָואס אִיטְלֶעכֶע זַאךְ אִיז, וָואס דָארְט אִיז אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן]!

און אַזוֹי [אוֹיךְ] אִיטְלֶעכֶע 'מְדִינָה' בַּאזוּנְדֶער, און אִיטְלֶעכֶע 'שְׁטָאט', און אַלֶע 'טַייכְן', און 'בְּרִיקְן' און 'בֶּערְג', און אַנְדֶערֶע זַאכְן (וָואס סְ'גֶעפִינְט זִיךְ אִין 'דֶער וֶועלְט', און אִין 'אַלֶע וֶועלְטְן') – אִיז אַלְץ גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן] אוֹיף דֶער 'יַד', דוּרְךְ דִי 'קְרִיצְן' און 'קְנֵייטְשְׁן' פוּן דֶער 'יַד'!

און בַּיי אִיטְלֶעכֶער זַאךְ, אִיז אַלְץ גֶעשְׁטַאנֶען 'אוֹתִיּוֹת', אַז דָאס אִיז 'דִי זַאךְ', און דָאס אִיז 'דִי זַאךְ' וְכוּ'!

און אַזוֹי [אוֹיךְ] אַלֶע 'מֶענְטְשְׁן' וָואס סְ'גֵייעֶן אַרוּם אִין אִיטְלֶעכֶער 'מְדִינָה', און אַלֶע זֵייעֶרֶע 'מְאוֹרָעוֹת' (דְהַיְינוּ: אַלְץ וָואס אוֹיף אַ 'מֶענְטְשְׁן' גֵייט אִיבֶּער וַוייל [ווילַאנְג] עֶר לֶעבְּט) – אִיז אַלְץ גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן] אוֹיף דֶער 'הַאנְט'!

און סְ'אִיז דָארְט [אוֹיךְ] גֶעשְׁטַאנֶען אֲפִילוּ: 'אַלֶע וֶועגְן' פוּן 'אֵיין מְדִינָה' צוּ דֶער 'אַנְדֶערֶער', און פוּן 'אֵיין אָרְט' צוּם 'אַנְדֶערְן'!

און מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם, הָאבּ אִיךְ גֶעוואוּסְט דֶעם 'וֶועג', אַרַיינְצוּגֵיין אַהֶער אִין 'שְׁטָאט' אַרַיין – וָואס קַיין 'שׁוּם מֶענְטְשׁ' קֶען אַהֶער נִישְׁט קוּמֶען! – (וָוארְן דִי 'מְדִינָה' פוּן גֶעלְט', הָאבְּן זִיךְ אַרוּמְגֶעגְרָאבְּן זֵייעֶרֶע 'שְׁטֶעט' – און קֵיינֶער הָאט צוּ זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

און אַזוֹי [אוֹיךְ] אַז אִיר ווִילְט מִיךְ שִׁיקְן אִין דֶער 'אַנְדֶערֶער שְׁטָאט' אַרַיין – וֵייס אִיךְ אוֹיךְ דֶעם 'וֶועג'! – אַלְץ דוּרְךְ דֶער 'יַד'!

און אַזוֹי איז [אויך] גֶעשְׁטַאנֶען אויף דֶער 'יַד': דֶער 'וֶועג' פוּן 'אֵיין וֶועלְט' צוּ דֶער 'אַנְדֶערֶער וֶועלְט'!

וָוארְן סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] אַ 'וֶועג', וָואס דוּרְךְ 'דֶעם וֶועג' קֶען מֶען אַרוֹיפְגֵיין פוּן דֶער 'עֶרְד' אויף דֶעם 'הִימְל'! – (וָוארְן פוּן דֶער 'עֶרְד' אויף דֶעם 'הִימְל', קֶען מֶען נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין, מַחֲמַת [וַוייל] מְ'וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם 'וֶועג'! – און דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶער 'וֶועג' וִוירִימֶער [וִויאַזוֹי] מֶען זָאל אַרוֹיפְגֵיין אויף דֶעם 'הִימְל')!

און סְ'אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען: 'אַלֶע וֶועגְן' וָואס סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען], פוּן 'אֵיין וֶועלְט' צוּ דֶער 'אַנְדֶערֶער וֶועלְט'! וָוארְן 'אֵלִיָהוּ' אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אויף דֶעם 'הִימְל', מִיט 'דֶעם [גֶעוִויסְן] וֶועג'! – אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען 'דֶער וֶועג'!

'מֹשֶׁה־רַבֵּינוּ' אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אויף דֶעם 'הִימְל', מִיט אַ 'אַנְדֶערְן וֶועג'! – אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען 'יֶענֶער וֶועג' אויךְ!

און אַזוֹי [אויךְ] 'חֲנוֹךְ', אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אויף דֶעם 'הִימְל', נָאךְ מִיט אַ 'אַנְדֶערְן וֶועג'! – אִיז דָארְט 'דֶער וֶועג' אויךְ גֶעשְׁטַאנֶען! און אַזוֹי [אויךְ] פוּן 'אֵיין וֶועלְט' צוּ דֶער 'אַנְדֶערֶער' (וַוייטֶער הֶעכֶער) – אִיז אַלְץ גֶעשְׁטַאנֶען אויף דֶער 'הַאנְט' – דוּרְךְ דִי 'קְרִיצְן' און 'קְנֵייטְשְׁן' פוּן דֶער 'הַאנְט'!

און סְ'אִיז [אויךְ] גֶעשְׁטַאנֶען אויף דֶער 'יַד', אִיטְלֶעכֶע [יֶעדֶע] זַאךְ: וִויאַזוֹי סְ'אִיז גֶעוֶוען בְּשַׁעַת דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן! און וִויאַזוֹי סְ'אִיז הַיינְט! און וִויאַזוֹי סְ'וֶועט זַיין דֶערְנָאךְ! דְהַיְינוּ [לְמָשָׁל]: 'סְדוֹם'!

אִיז גֶעוֶוען דָארְט אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן]: אַזוֹי־וִוי דִי 'שְׁטָאט' אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, אֵיי [אֵיידֶער] זִי אִיז אִיבֶּערְגֶעקֶערְט גֶעוָוארְן! און וִוידֶער אִיז גֶעוֶוען דָארְט אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן]: אַזוֹי־וִוי 'סְדוֹם' קֶערְט זִיךְ אִיבֶּער, אַזוֹי־וִוי אַ 'שְׁטָאט' קֶערְט זִיךְ אִיבֶּער!

און וִוידֶער אִיז גֶעוֶוען דָארְט אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן] 'סְדוֹם': וָואסֶער אַ [וָואסְפַארַא] פָּנִים סְ'הָאט הַיינְט, נָאךְ דֶעם אִיבֶּערְקֶערְן זִיךְ!

וָוארְן אויף דֶער 'יַד' אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן]: "וָואס 'סְ'אִיז גֶעוֶוען'! און וָואס 'סְ'אִיז הַיינְט'! און וָואס 'סְ'וֶועט זַיין'"! און דָארְט אויף דֶער 'יַד' הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן:

"אַז דִי [דָאזִיגֶע אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'מְדִינָה' וָואס אִיר זָאגְט אויף זֵיי, אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע 'גָאטְן', מִיט דִי 'אַלֶע מֶענְטְשְׁן' וָואס זֵיי וֶועלְן צוּ זֵיי קוּמֶען אויף הִילְף (דְהַיְינוּ: אַז דִי 'מְדִינָה' זָאל זֵיי הֶעלְפְן) – וֶועלְן זֵיי אַלֶע בֵּיידֶע, אַ 'מַפָּלָה' הָאבְּן"! אַזוֹי הָאט זֵיי אַלְץ דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' דֶערְצֵיילְט!

אִיז בַּיי זֵיי דִי [דָאזִיגֶע] זַאךְ, אַ 'וִוילְד [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] חִידוּשׁ' גֶעוֶוען! – וָוארְן מֶען דֶערְקֶענְט, אַז דָאס אִיז אֱמֶת'ע רֵייד! – וָוארְן דָאס וֵוייסְט מֶען: אַז אויף אַ 'לַאנְד־קַארְד' [מַאפֶּע] שְׁטֵייט אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן] אַלֶע זַאכְן!

[אויךְ] הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז זַיינֶע רֵייד זֶענֶען אֱמֶת""! – וָוארְן אַזוֹינְס קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְטְרַאכְטְן! – וָוארְן דָאס זֶעהְט מֶען זִיךְ: אַז מְ'קֶען צוּם־הוֹיף־נֶעמֶען [צוּנוֹיפְנֶעמֶען] 'צְוֵויי קְרִיצְן' פוּן דֶער 'הַאנְט' – וֶועט דֶערוֹיס [דֶערְפוּן] וֶוערְן 'אֵיין אוֹת'!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין אוֹיסְגֶעטְרַאכְטֶע זַאךְ"! – און סְ'אִיז בַּיי זֵיי אַ 'וִוילְד [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] חִידוּשׁ גֶעוֶוען!

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ אִיז עֶרְגֶעץ דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] 'מֶלֶךְ'?! – טָאמֶער [אֶפְשַׁר] וֶועט עֶר אוּנְז וַוייזְן אַ 'וֶועג', וִוי [וִויאַזוֹי] מֶען זָאל גֶעפִינֶען 'גֶעלְט'""?!

הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נָאךְ [אַלְץ] ווִילְט אִיר 'גֶעלְט' (מִיט אַ 'לָשׁוֹן' וִוי אֵיינֶער פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ און בֵּייזֶערְט זִיךְ)? פוּן 'גֶעלְט' שְׁמוּעֶסְט גָארְנִישְׁט! הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: "פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט, זָאג אוּנְז וואוּ דֶער 'מֶלֶךְ' אִיז"? הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֵוייס אויךְ נִישְׁט פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' וואוּ עֶר אִיז"!

# ״אײן קְרֶעכְץ״

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי טַייעְרַקַייט פוּן יֶעדֶע קְלֵיינֶע נְקוּדָּה טוֹבָה. אַסַאךְ מָאל קֶען אַ אִינְגְל טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: ׳וָואס אִיז שׁוֹין וֶוערְט מַיין קְלֵיינִיגְקַייט וָואס אִיךְ טוּ צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ?!׳

אָבֶער דִי אַלֶע סָארְטְן מַחֲשָׁבוֹת קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, עֶר וֵוייסְט דָאךְ יָא וִויפִיל יֶעדֶע קְלֵיינֶע קְרֶעכְץ אוּן יֶעדֶע בֶּענְקְ טוּט אוֹיף צוּ מְקַרֵב זַיין דֶעם בִּנְיָן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דֶערְפַאר וויל עֶר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת דָאס צוּרִיקְהַאלְטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז אוֹיס אַ סוֹד אִין תּוֹרָה רמ״ז אַז קינו״ת אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת פוּן תִּיקוּ״ן – דָאס אִיז אוּנְז צוּ מְרַמֵּז זַיין אַז דַּוְקָא פוּן אוּנְזֶער קִינוֹת וֶועט וֶוערְן אַ תִּיקוּן. אֲפִילוּ עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער אַיינְצוּזִיצְן אוֹיף דִי קְלֵיינֶע בֶּענְקֶעלֶער אוּן דִי טוּנְקֶעלֶע שׁוּל אוּן זָאגְן דִי קִינוֹת, דַארְף מֶען זִיךְ אָבֶער דֶערְמַאנֶען אַז פוּן יֶעדֶע בִּיסֶעלֶע קִינוֹת גֵייט דִי וֶועלְט וֶוערְן פַארְרָאכְטְן עֶס גֵייט וֶוערְן אַ תִּיקוּן הַשָּׁלוֹם אוּן יֶעצְט קֶען אִיךְ נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין דֶעם אוּן פְּרוּבִּירְן אַרֵיינְלֵייגְן אִין דִי וֶוערְטֶער אַבִּיסְל הַארְץ אוּן גֶעפִיל, אַ קְרֶעכְץ, כְּסוֹפִין צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (תּוֹרָה ב׳) ״כַּד חַם גַּבֵּיהּ אִתְהַפֵּךְ״ וֶוען עֶס וֶועט זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אַלֶע תְּפִלּוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועט וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיט דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ דוּרְךְ יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע תְּפִלָּה פוּן אַלֶע דוֹרוֹת!

״קוֹל בְּרָמָה נִשְׁמָע! אַ קוֹל אִיז אוֹיבְן גֶעהֶערְט גֶעוָוארְן - אַ בִּיטֶערֶע גֶעוֵויין, רָחֵל וֵויינְט אוֹיף אִירֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, זִי קֶען זִיךְ נִישְׁט טְרֵייסְטְן אוֹיף אִירֶע קִינְדֶער ווייל זֵיי זֶענֶען נִישְׁט דָא.

אוֹיף דִי אַלֶע קְלָאג אִיךְ , מַיינֶע אוֹיגְן לָאזְן רִירְן וַואסֶער [טְרֶערְן] ווייל דֶער טְרֵייסְטֶער וָואס בַּארוּאִיגְט מַיין זֶעל אִיז וַוייט פוּן מִיר. מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען פַּארְוִויסְט ווייל דֶער פַיינְט הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט״.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, לֶערְן מִיר וִויאַזוֹי צוּ מְסַדֵּר זַיין אַ בִּיטֶערֶע קְלָאג אוֹיף אוּנְזֶער גְרוֹיסֶער בְּרָאךְ וָואס מִיר זֶענֶען צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן דוּרְךְ אוּנְזֶער פַּארְקְרִימְטֶע הַארְץ, עֶס זֶענֶען אַוֶועקְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן פוּן אוּנְז אַלֶע גְלוּסְטֶענִישְׁן פוּן אוּנְזֶער אוֹיגְן, דִי שְׁטַארְקֶע גְּאוֹנִים, דִי קְרוֹינֶען פוּן אוּנְזֶערֶע קֶעפּ, אוּנְזֶער שֵׁיינְקַייט, אוּנְזֶער לוֹיטֶערְקַייט, אוּנְזֶער לֶעבְּן, דֶער שׁוֹרֶשׁ פוּן אוּנְזֶער נֶפֶשׁ, רוּחַ, נְשָׁמָה, דָאס זֶענֶען אוּנְזֶערֶע רֶבִּי׳ס, אוּנְזֶער לִיכְטִיגְקַייטְן, אוּנְזֶער גְרוֹיסְקַייט אוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגְקַייט, אוּנְזֶער הָאפֶענוּנְג, אוּנְזֶער תַּכְלִית, אוּנְזֶער טְרֵייסְטֶער אוּן פְרֵייד, אוּנְזֶער תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, זֵיי זֶענֶען גֶעגאַנְגֶען צוּם אֵייבִּיגֶער רוּ אוּן אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט צוּ קְרֶעכְצְן, אוֹי מֶה הָיָה לָנוּ, וָואס אִיז גֶעשֶׁען צוּ אוּנְז?! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם - דֶער אֶמֶת׳עֶר דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער פָּאטֶער, דוּ וֵוייסְט אַז אוּנְזֶער גַאנְצֶער חִיּוּת אִיז גֶעוָוארְן אִין דִי צַדִּיקִים, אוּנְזֶערֶע רֶבִּי׳ס זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, מִיר מוּזְן מִיט זֵיי כְּסֵדֶר רֶעדְן אוּן בַּאקוּמֶען פוּן זֵיי הֵיילִיגֶע נַייעֶ דִיבּוּרִים, מִיר דַארְפְן זֵיי זֶען אוּן וָואס אִיז יֶעצְט גֶעשֶׁען??

...רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען! לֶערְן אוּנְז אוֹיס אוּן וַוייז אוּנְז וִויאַזוֹי זִיךְ צוּ בֶּעטְן אוּן שְׁרַייעֶן אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ יֶעצְט קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין זֵייעֶר מֶעכְטִיגֶע קְדוּשָּׁה אוֹיף מִיר דוּרְךְ זֵייעֶר הֵיילִיגֶער רְשִׁימוּ וָואס זֵיי הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דוּרְךְ זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן זֵייעֶרֶע טַייעֶרֶע תַּלְמִידִים. ווייל אוֹיךְ יֶעצְט גֶעפִינֶען זֵיי זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר אוּן אִין נָאךְ הֵיילִיגֶע סְפָרִים אַז דֶער עִיקָר גַאנְצְקַייט פוּן דִי נְשָׁמָה אִיז אַז וֶוען זֵי גֵייט אַרוֹיף גָאר הוֹיךְ זָאל זִי אוֹיךְ זַיין דָא גָאר נִידְרִיג אוּנְז צוּ אוֹיפְוֶועקְן אוּן מְעוֹרֵר זַיין אוּן אוֹיפְלֶעבְּן אַלֶע נְפָשׁוֹת אֲפִילוּ דִי וֶועלְכֶע לִיגְן טִיף אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית אִינֶעם טִיפְן אָפְּגְרִינְד אוּן נָאךְ נִידְרִיגֶער פוּן דֶעם, זֵיי אוֹיפְצוּלֶעבְּן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ בְּשׁוּם אוֹפָן אוֹיף קֵיין שׁוּם פַאל אוֹיף דֶער וֶועלְט. (קליין חלק פון תפלה ל״ג חלק שני)

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (5)

**א. וואס האט זיי דער בעל תפלה געזאגט אויף דעם וואס זיי פארלאזן זיך אויף די מדינה וואס אלע זענען גאטין (לויט זייער שיטה)?**
- ❑ אז אפשר וועלן זיי ענק העלפן
- ❑ אז זיי וועלן ענק גאר נישט קענען העלפן
- ❑ אז דער גבור וועט ענק העלפן

**ב. וואס האט זיי דער בעל תפלה געזאגט וועגן דעם גבור?**
- ❑ אז ער איז געווען ביי א קעניג איז ביי אים פארלוירן געווארן א גבור און אויב דאס איז דער גבור קען איך מיך מיט אים
- ❑ אז ער איז זייער שטארק און מ'דארף מורא האבן פון אים
- ❑ אז ער איז בכלל נישט קיין גבור

**ג. וואס נאך האט זיי דער בעל תפלה געזאגט וועגן די מדינה וואס דארטן זענען אלע גאטין (לויט זייער שיטה)?**
- ❑ אז זיי זענען בכלל נישט שטארק
- ❑ אז אויב ענק וועלן זיך פארלאזן אויף זיי וועט דאס זיין ענקער מפלה
- ❑ אז אויב ענק וועלן זיך פארלאזן אויף זיי וועלן ענק מצליח זיין

**ד. אויף די יד פון קעניג איז געווען געשריבן די וועגן פון איין וועלט צו די אנדערע וועלט?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א טייל יא, און א טייל נישט

**ה. אלי' משה און חנוך זענען ארויף אין הימל אויף די זעלבע וועג אדער יעדער דורך א אנדערע וועג?**
- ❑ יעדער אויף א אנדערע וועג און אין די יד איז געשטאנען אלע וועגן
- ❑ אלע אוף די זעלבע וועג און אין די יד איז געשטאנען די וועג
- ❑ יעדער אויף א אנדערע וועג און אין די יד איז נישט געשטאנען די וועגן

**ו. וואס איז געשטאנען אויפ'ן יד**
- ❑ וואס עס איז געווען און וואס ס'איז יעצט
- ❑ וואס עס איז געווען און וואס ס'איז יעצט און וואס ס'וועט זיין
- ❑ וואס עס איז געווען

**ז. וואס איז געשטאנען אין די יד וועגן די מדינה וואס זיי זאגן אז אלע דארטן זענען גאטין**
- ❑ אז יענע מדינה וועט האבן א מפלה
- ❑ אז די מענטשן וואס וועלן קומען צו זיי נאך הילף וועלן האבן א מפלה
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. האבן זיי געגלייבט דעם בעל תפלה? - און פארוואס?**
- ❑ זיי האבן פארשטאנען אז ס'איז אמת ווייל מ'קען זיך אזוינס נישט אויס טראכטן
- ❑ זיי האבן בכלל נישט געגלייבט ווייל ער רעדט קעגן זייער אמונה
- ❑ זיי האבן בכלל נישט צוגעהערט וואס ער האט געענטפערט

**ט. וואס האט ער זיי געענטפערט ווען זיי האבן אים געפרעגט וואו איז דער קעניג אפשר קען מען ביי אים באקומען געלד?**
- ❑ פון געלד שמועסט גארנישט
- ❑ אז ס'איז שווער אנצוקומען צו אים
- ❑ אז געלד איז נישט דער תכלית

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### טיפער געטראכט

וואספארא זאך האט דער בעל תפילה געזאגט פאר די מענטשן פון די מדינה של עשירות – און דער רבי דערציילט דאס צוויי מאל, די וואך און פאריגע וואך ?

### תשובות פון פאריגע וואך

די שומרים פון די מדינה של עשירות האבן פארשטאנען וואס דער בעל תפילה האט מיט זיי גערעדט ? נאר וואס דער בעל תפילה האט גערעדט מיט זיי וועגן דער גבור האבן זיי נישט פארשטאנען

**געווינער אויף בעל תפלה 4 איז הילד החשוב נחמן שפירא, ירושלים *** 4134**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייננגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

## "נוּ, בִּיזְט שׁוֹין גֶעזוּנְט?"

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי קִינְדֶער וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט, בִּיז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶעבְּן אֵיינֶער אָן דֶעם צְוֵוייטְן.



הָאט זִיךְ אֵיינְמָאל גֶעמַאכְט אַז אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען שְׁוַואךְ גֶעוָוארְן, דֶער צְוֵוייטֶער חָבֵר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג דֶערְפוּן. עֶר פְרֶעגְט צוּ זִיךְ: "וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז מַיין חָבֵר זָאל גֶעזוּנְט וֶוערְן?"

הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: "זָאג תְּהִלִּים". דֶער אִינְגְל נֶעמְט בִּתְמִימוּת אָן דֶעם פָּארְשְׁלַאג אוּן הֵייבְּט אָן זָאגְן תְּהִלִּים בִּתְמִימוּת! נָאךְ יֶעדֶע פָּאר קַאפִּיטְלֶעך – פְרֶעגְט עֶר דֶעם חָבֵר: "נוּ, בִּיזְט שׁוֹין גֶעזוּנְט?" "בִּיזְט שׁוֹין גֶעזוּנְט?" אַזוֹי עֶטְלִיכֶע מָאל, אוּן דִי אַרוּמִיגֶע זָאגְן אִים אַז דֶער חָבֵר אִיז נָאךְ אַלְץ קְרַאנְק!

הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזָאגְט תְּהִלִּים בִּיז דֶער חָבֵר אִיז אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן מִיט אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה.

דָאס הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז דֶערְצֵיילְט צוּ לֶערְנֶען וְויאַזוֹי צוּ מִתְפַּלֵל זַיין אוּן מִתְפַּלֵל זַיין בִּתְמִימוּת בִּיז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ גַאנְצֶע יְשׁוּעָה. מִיר דַארְפְן גְלֵייבְּן אַז מִיט יֶעדֶע תְּפִלָּה אִיז מֶען מַמְתִּיק נָאךְ אַבִּיסְל אוּן נָאךְ אַבִּיסְל דִינִים בִּיז אַלֶע דִינִים וֶועלְן זִיךְ אָפְּטוּן.

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אלימלך ברוין הי"ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר חיים שמואל אהרן שפירא הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אברהם אנשין הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב